לַכֹּהֲנִים מֵאֵת פַּרְעֹה וְאָכְלוּ אֶת־חֻקָּם אֲשֶׁר נָתַן לָהֶם
כג פַּרְעֹה עַל־כֵּן לֹא מָכְרוּ אֶת־אַדְמָתָם׃ וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־
הָעָם הֵן קָנִיתִי אֶתְכֶם הַיּוֹם וְאֶת־אַדְמַתְכֶם לְפַרְעֹה הֵא־
כד לָכֶם זֶרַע וּזְרַעְתֶּם אֶת־הָאֲדָמָה׃ וְהָיָה בַּתְּבוּאֹת וּנְתַתֶּם
חֲמִישִׁית לְפַרְעֹה וְאַרְבַּע הַיָּדֹת יִהְיֶה לָכֶם לְזֶרַע הַשָּׂדֶה
מפ׳ וּלְאָכְלְכֶם וְלַאֲשֶׁר בְּבָתֵּיכֶם וְלֶאֱכֹל לְטַפְּכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ
הֶחֱיִתָנוּ נִמְצָא־חֵן בְּעֵינֵי אֲדֹנִי וְהָיִינוּ עֲבָדִים לְפַרְעֹה׃
כו וַיָּשֶׂם אֹתָהּ יוֹסֵף לְחֹק עַד־הַיּוֹם הַזֶּה עַל־אַדְמַת מִצְרַיִם
לְפַרְעֹה לַחֹמֶשׁ רַק אַדְמַת הַכֹּהֲנִים לְבַדָּם לֹא הָיְתָה
כז לְפַרְעֹה׃ וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ
בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד׃

אַ קִצבָה פון פַּרעהן, און זיי האָבן געגעסן זייער קִצבָה וואָס פַּרעה האָט זיי געגעבן; דרום האָבן זיי ניט פאַרקויפט זייער ערד.

[23] און יוסף האָט געזאָגט צום פאָלק: אָט האָב איך היינט אָפּגעקויפט אַייך און אַייער לאַנד פאַר פַּרעהן; נאַט אַייך זריעה, און פאַרזייט די ערד. [24] און עס וועט זיין ביי די תבואות, וועט איר געבן אַ פינפטל צו פַּרעהן, און פיר חלקים וועלן אַייך זיין פאַר זריעה פון פעלד, און פאַר אַייער עסן, און פאַר די וואָס אין אַייערע הייזער, און צום עסן פאַר אַייערע קליינע קינדער.

[25] האָבן זיי געזאָגט: האָסט אונדז דאָס לעבן דערהאַלטן; לאָמיר געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון מיין האַר, און מיר וועלן זיין קנעכט צו פַּרעהן. [26] און יוסף האָט עס געמאַכט פאַר אַ געזעץ ביז אויף היינטיקן טאָג אויף דער ערד פון מִצרַיִם, אַז צו פַּרעהן זאָל געהערן אַ פינפטל. נאָר די ערד פון די פּריסטער אַליין איז ניט געוואָרן פּרעהס.

[27] און ישׂראל איז געזעסן אין לאַנד מִצרַיִם, אין לאַנד גושֶן; און זיי האָבן זיך דאָרטן אַיינגעפעסטיקט, און האָבן זיך געפרוכפּערט און געמערט זייער.

# וַיְחִי

כח וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וַיְהִי יְמֵי־
כט יַעֲקֹב שְׁנֵי חַיָּיו שֶׁבַע שָׁנִים וְאַרְבָּעִים וּמְאַת שָׁנָה׃ וַיִּקְרְבוּ
יְמֵי־יִשְׂרָאֵל לָמוּת וַיִּקְרָא ׀ לִבְנוֹ לְיוֹסֵף וַיֹּאמֶר לוֹ אִם־נָא
מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ שִׂים־נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי
ל חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל־נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם׃ וְשָׁכַבְתִּי עִם־אֲבֹתַי
וּנְשָׂאתַנִי מִמִּצְרַיִם וּקְבַרְתַּנִי בִּקְבֻרָתָם וַיֹּאמַר אָנֹכִי אֶעֱשֶׂה
לא כִדְבָרֶךָ׃ וַיֹּאמֶר הִשָּׁבְעָה לִי וַיִּשָּׁבַע לוֹ וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל
עַל־רֹאשׁ הַמִּטָּה׃ פ

מח

א וַיְהִי אַחֲרֵי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיֹּאמֶר לְיוֹסֵף הִנֵּה אָבִיךָ
חֹלֶה וַיִּקַּח אֶת־שְׁנֵי בָנָיו עִמּוֹ אֶת־מְנַשֶּׁה וְאֶת־אֶפְרָיִם׃
ב וַיַּגֵּד לְיַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ וַיִּתְחַזֵּק
ג יִשְׂרָאֵל וַיֵּשֶׁב עַל־הַמִּטָּה׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־יוֹסֵף אֵל שַׁדַּי
ד נִרְאָה־אֵלַי בְּלוּז בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַיְבָרֶךְ אֹתִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי
הִנְנִי מַפְרְךָ וְהִרְבִּיתִךָ וּנְתַתִּיךָ לִקְהַל עַמִּים וְנָתַתִּי אֶת־
ה הָאָרֶץ הַזֹּאת לְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ אֲחֻזַּת עוֹלָם׃ וְעַתָּה שְׁנֵי־

[28] און יעקב האָט געלעבט אין לאַנד מִצרַיִם זיבעצן יאָר; און די טעג פון יעקבן, די יאָרן פון זיין לעבן, זיינען געווען הונדערט יאָר און זיבן און פערציק יאָר. [29] און די טעג פון ישׂראלן האָבן גענענט צום שטאַרבן, און ער האָט גערופן זיין זון יוספן, און האָט צו אים געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, טו, איך בעט דיך, דיין האַנט אונטער מיין דיך, און זאָלסט טאָן מיט מיר אַ חסד און אַ טריישאַפט: זאָלסט מיך ניט באַגראָבן, איך בעט דיך, אין מִצרַיִם. [30] און אַז איך וועל זיך לייגן צו מיינע עלטערן, זאָלסטו מיך אַוועקטראָגן פון מִצרַיִם, און מיך באַגראָבן אין זייער קבר. האָט ער געזאָגט: איך וועל טאָן אַזוי ווי דיין וואָרט. [31] האָט ער געזאָגט: שווער מיר. און ער האָט אים געשוואָרן; און ישׂראל האָט זיך געבוקט צוקאָפּנס פון בעט.

**מח** [1] און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן, האָט מען אָנגעזאָגט יוספן: זע, דיין פאָטער איז קראַנק. האָט ער גענומען מיט זיך זיינע צוויי זין, מנשהן און אפרימען. [2] און מע האָט געלאָזט וויסן יעקבן און געזאָגט: זע, דיין זון יוסף קומט צו דיר; און ישׂראל האָט זיך געשטאַרקט, און האָט זיך געזעצט אויפן בעט.

[3] און יעקב האָט געזאָגט צו יוספן: גאָט שַדַי האָט זיך באַוויזן צו מיר אין לוז, אין לאַנד כּנַען, און ער האָט מיך געבענטשט. [4] און ער האָט צו מיר געזאָגט: זע, איך וועל דיך פרוכפּערן און וועל דיך מערן, און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ געזעמל פעלקער; און איך וועל געבן דאָסדאָזיקע לאַנד צו דיין זאָמען נאָך דיר פאַר אַן אייביקן אייגנטום. [5] און אַצונד,

מז, כח׳ אין כאן פסקא כלל כי אם רוח אות אחת

בָּנֶיךָ הַנּוֹלָדִים לְךָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם עַד־בֹּאִי אֵלֶיךָ מִצְרַיְמָה
ו לִי־הֵם אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ־לִי׃ וּמוֹלַדְתְּךָ
אֲשֶׁר־הוֹלַדְתָּ אַחֲרֵיהֶם לְךָ יִהְיוּ עַל שֵׁם אֲחֵיהֶם יִקָּרְאוּ
ז בְּנַחֲלָתָם׃ וַאֲנִי בְּבֹאִי מִפַּדָּן מֵתָה עָלַי רָחֵל בְּאֶרֶץ כְּנַעַן
בַּדֶּרֶךְ בְּעוֹד כִּבְרַת־אֶרֶץ לָבֹא אֶפְרָתָה וָאֶקְבְּרֶהָ שָּׁם
ח בְּדֶרֶךְ אֶפְרָת הִוא בֵּית לָחֶם׃ וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת־בְּנֵי
ט יוֹסֵף וַיֹּאמֶר מִי־אֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אָבִיו בָּנַי הֵם
אֲשֶׁר־נָתַן־לִי אֱלֹהִים בָּזֶה וַיֹּאמַר קָחֶם־נָא אֵלַי וַאֲבָרְכֵם׃
שני וְעֵינֵי יִשְׂרָאֵל כָּבְדוּ מִזֹּקֶן לֹא יוּכַל לִרְאוֹת וַיַּגֵּשׁ אֹתָם
יא אֵלָיו וַיִּשַּׁק לָהֶם וַיְחַבֵּק לָהֶם׃ וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל־יוֹסֵף
רְאֹה פָנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי וְהִנֵּה הֶרְאָה אֹתִי אֱלֹהִים גַּם
יב אֶת־זַרְעֶךָ׃ וַיּוֹצֵא יוֹסֵף אֹתָם מֵעִם בִּרְכָּיו וַיִּשְׁתַּחוּ לְאַפָּיו
יג אָרְצָה׃ וַיִּקַּח יוֹסֵף אֶת־שְׁנֵיהֶם אֶת־אֶפְרַיִם בִּימִינוֹ מִשְּׂמֹאל
יִשְׂרָאֵל וְאֶת־מְנַשֶּׁה בִשְׂמֹאלוֹ מִימִין יִשְׂרָאֵל וַיַּגֵּשׁ אֵלָיו׃
יד וַיִּשְׁלַח יִשְׂרָאֵל אֶת־יְמִינוֹ וַיָּשֶׁת עַל־רֹאשׁ אֶפְרַיִם וְהוּא
הַצָּעִיר וְאֶת־שְׂמֹאלוֹ עַל־רֹאשׁ מְנַשֶּׁה שִׂכֵּל אֶת־יָדָיו כִּי
טו מְנַשֶּׁה הַבְּכוֹר׃ וַיְבָרֶךְ אֶת־יוֹסֵף וַיֹּאמַר הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר
הִתְהַלְּכוּ אֲבֹתַי לְפָנָיו אַבְרָהָם וְיִצְחָק הָאֱלֹהִים הָרֹעֶה
טז אֹתִי מֵעוֹדִי עַד־הַיּוֹם הַזֶּה׃ הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל־
רָע יְבָרֵךְ אֶת־הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי
של׳ אַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ וַיַּרְא יוֹסֵף כִּי־
יָשִׁית אָבִיו יַד־יְמִינוֹ עַל־רֹאשׁ אֶפְרַיִם וַיֵּרַע בְּעֵינָיו וַיִּתְמֹךְ
יַד־אָבִיו לְהָסִיר אֹתָהּ מֵעַל רֹאשׁ־אֶפְרַיִם עַל־רֹאשׁ מְנַשֶּׁה׃
יח וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אָבִיו לֹא־כֵן אָבִי כִּי־זֶה הַבְּכֹר שִׂים יְמִינְךָ
יט עַל־רֹאשׁוֹ׃ וַיְמָאֵן אָבִיו וַיֹּאמֶר יָדַעְתִּי בְנִי יָדַעְתִּי גַּם־הוּא
יִהְיֶה־לְּעָם וְגַם־הוּא יִגְדָּל וְאוּלָם אָחִיו הַקָּטֹן יִגְדַּל מִמֶּנּוּ
כ וְזַרְעוֹ יִהְיֶה מְלֹא־הַגּוֹיִם׃ וַיְבָרְכֵם בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמוֹר בְּךָ

כ׳ מלא ו׳

די צוויי זין וואָס זיינען דיר געבאָרן געוואָרן אין לאַנד מִצרַיִם פאַר מיין קומען צו דיר קיין מִצרַיִם, זיי זיינען מיינע: אפרים און מנשה זאָלן זיין מיינע אַזוי ווי ראובן און שמעון. 6 אָבער דיינע געבאָרענע וואָס דו האָסט געבאָרן נאָך זיי, זאָלן זיין דיינע; אויף דעם נאָמען פון זייערע ברידער זאָלן זיי גערופן ווערן אין זייער נחלה. 7 ...און איך, אַז איך בין געקומען פון פַּדָן, איז מיר געשטאָרבן רחל אין לאַנד כּנַעַן אויפן וועג, ווען עס איז נאָך געווען אַ שטרעק לאַנד צו קומען קיין אֶפרָת; און איך האָב זי דאָרטן באַגראָבן אויפן וועג קיין אֶפרָת, דאָס איז בֵּית־לֶחֶם.

8 און ישראל האָט געזען יוספס זין, און ער האָט געזאָגט: ווער זיינען דידאָזיקע? 9 האָט יוסף געזאָגט צו זיין פאָטער: דאָס זיינען מיינע זין וואָס גאָט האָט מיר געשאָנקען דאָ הי. האָט ער געזאָגט: נעם זיי, איך בעט דיך, צו מיר, און איך וועל זיי בענטשן. 10 און די אויגן פון ישראלן זיינען געווען טונקל פון זִקנה, ער האָט ניט געקענט זען. האָט ער זיי געמאַכט גענענען צו אים, און ער האָט זיי געקושט און זיי געהאַלדזט. 11 און ישראל האָט געזאָגט צו יוספן: איך האָב ניט געדאַכט דיין פּנים צו זען, און אָט האָט מיך גאָט געלאָזט זען אויך דיינע קינדער.

12 און יוסף האָט זיי אַרויסגעצויגן פון צווישן זיינע קני, און האָט זיך געבוקט אויף זיין פּנים צו דער ערד. 13 און יוסף האָט זיי ביידן גענומען, אפרימען אין זיין רעכטער האַנט, צו דער לינקער האַנט פון ישראלן, און מנשהן אין זיין לינקער האַנט, צו דער רעכטער האַנט פון ישראלן, און האָט זיי געמאַכט גענענען צו אים. 14 האָט ישראל אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט, און אַרויפגעטאָן אויפן קאָפּ פון אפרימען, וואָס איז געווען דער יינגערער, און זיין לינקע האַנט אויפן קאָפּ פון מנשהן; ער האָט בכיוון איבערגעדרייט זיינע הענט, וואָרום מנשה איז געווען דער בּכור. 15 און ער האָט געבענטשט יוספן, און האָט געזאָגט: דער גאָט וואָס מיינע עלטערן אַברהם און יצחק זיינען געגאַנגען פאַר אים, דער גאָט וואָס איז געווען מיין פּאַסטוך פון זינט איך לעב ביז אויף היינטיקן טאָג, 16 דער מלאך וואָס האָט מיך אויסגעלייזט פון אַלעם בייזן, ער זאָל בענטשן די יינגלעך; און עס זאָל גערופן ווערן אויף זיי מיין נאָמען, און דער נאָמען פון מיינע עלטערן אַברהם און יצחק; און זיי זאָלן זיך מערן לרוב אויף דער ערד.

17 און יוסף האָט געזען, אַז זיין פאָטער טוט אַרויף זיין רעכטע האַנט אויפן קאָפּ פון אפרימען, און עס איז אויסגעקומען שלעכט אין זיינע אויגן; האָט ער אונטערגעלענט זיין פאָטערס האַנט, כּדי זי אַוועקצונעמען פון אפרימס קאָפּ אויף מנשהס קאָפּ. 18 און יוסף האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: ניט אַזוי, מיין פאָטער, וואָרום דער איז דער בּכור; טו אַרויף דיין רעכטע האַנט אויף זיין קאָפּ. 19 אָבער זיין פאָטער האָט ניט געוואָלט, און האָט געזאָגט: איך ווייס, מיין זון, איך ווייס; ער אויך וועט ווערן אַ פאָלק, און ער אויך וועט זיין גרויס, אָבער זיין יינגערער ברודער וועט זיין גרעסער פון אים, און זיין זאָמען וועט ווערן אַ פולע פעלקער. 20 און ער האָט זיי געבענטשט אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: מיט דיר זאָל

יְבָרֵךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר יְשִׂמְךָ אֱלֹהִים כְּאֶפְרַיִם וְכִמְנַשֶּׁה
וַיָּשֶׂם אֶת־אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה׃ וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל־יוֹסֵף כא
הִנֵּה אָנֹכִי מֵת וְהָיָה אֱלֹהִים עִמָּכֶם וְהֵשִׁיב אֶתְכֶם אֶל־
אֶרֶץ אֲבֹתֵיכֶם׃ וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם אַחַד עַל־אַחֶיךָ אֲשֶׁר כב
לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי׃ פ

מט

וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל־בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת רב׳
אֲשֶׁר־יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים׃ הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי ב
יַעֲקֹב וְשִׁמְעוּ אֶל־יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם׃ רְאוּבֵן בְּכֹרִי אַתָּה כֹּחִי ג
וְרֵאשִׁית אוֹנִי יֶתֶר שְׂאֵת וְיֶתֶר עָז׃ פַּחַז כַּמַּיִם אַל־תּוֹתַר ד
כִּי עָלִיתָ מִשְׁכְּבֵי אָבִיךָ אָז חִלַּלְתָּ יְצוּעִי עָלָה׃ פ
שִׁמְעוֹן וְלֵוִי אַחִים כְּלֵי חָמָס מְכֵרֹתֵיהֶם׃ בְּסֹדָם אַל־תָּבֹא ה ו
נַפְשִׁי בִּקְהָלָם אַל־תֵּחַד כְּבֹדִי כִּי בְאַפָּם הָרְגוּ אִישׁ וּבִרְצֹנָם
עִקְּרוּ־שׁוֹר׃ אָרוּר אַפָּם כִּי עָז וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה אֲחַלְּקֵם ז
בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם בְּיִשְׂרָאֵל׃ פ
יְהוּדָה אַתָּה יוֹדוּךָ אַחֶיךָ יָדְךָ בְּעֹרֶף אֹיְבֶיךָ יִשְׁתַּחֲווּ לְךָ ח
בְּנֵי אָבִיךָ׃ גּוּר אַרְיֵה יְהוּדָה מִטֶּרֶף בְּנִי עָלִיתָ כָּרַע רָבַץ ט
כְּאַרְיֵה וּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ׃ לֹא־יָסוּר שֵׁבֶט מִיהוּדָה וּמְחֹקֵק י
מִבֵּין רַגְלָיו עַד כִּי־יָבֹא שִׁילֹה וְלוֹ יִקְּהַת עַמִּים׃ אֹסְרִי יא
לַגֶּפֶן עִירֹה וְלַשֹּׂרֵקָה בְּנִי אֲתֹנוֹ כִּבֵּס בַּיַּיִן לְבֻשׁוֹ וּבְדַם־
עֲנָבִים סוּתֹה׃ חַכְלִילִי עֵינַיִם מִיָּיִן וּלְבֶן־שִׁנַּיִם מֵחָלָב׃ פ יב
זְבוּלֻן לְחוֹף יַמִּים יִשְׁכֹּן וְהוּא לְחוֹף אֳנִיֹּת וְיַרְכָתוֹ עַל־צִידֹן׃ פ יג
יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם רֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם׃ וַיַּרְא מְנֻחָה יד טו
כִּי טוֹב וְאֶת־הָאָרֶץ כִּי נָעֵמָה וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל וַיְהִי לְמַס־
עֹבֵד׃ ס דָּן יָדִין עַמּוֹ כְּאַחַד שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ יְהִי־ טז יז
דָן נָחָשׁ עֲלֵי־דֶרֶךְ שְׁפִיפֹן עֲלֵי־אֹרַח הַנֹּשֵׁךְ עִקְּבֵי־סוּס
וַיִּפֹּל רֹכְבוֹ אָחוֹר׃ לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יְהוָה׃ ס גָּד גְּדוּד יח חמ׳

מט,ת׳ בראש עמוד סימן ביה שמ״ו י׳ ק׳ דנושה יא׳ פתח ק סותק יז׳ ק׳ דנושה

8 יהודה, דיך וועלן לויבן[א] דיינע ברידער,
דיין האַנט וועט זיין אויפן נאַקן פון דיינע פיינט,
די זין פון דיין פאָטער וועלן זיך בוקן צו דיר.
9 אַ יונגער לייב איז יהודה;
פון פאַרצוקונג, מיין זון, ביסטו אויפגעוואַקסן;
ער קניט, ער הויערט ווי אַ לייב,
און ווי אַ לייבינטע—ווער קען אים אויפרייצן?
10 ניט אָפּגעטאָן וועט ווערן אַ צעפּטער פון יהודה,
און אַ הערשערשטאָק פון צווישן זיינע פיס,
ווי לאַנג מע וועט קומען קיין שילו;
און צו אים וועלן פעלקער געהאָרכן.
11 ער בינדט צום ווינשטאָק זיין יונגאייזל,
און צום ווינצווייג דעם זון פון זיין אייזעלין.
ער וואַשט אין וויין זיין קלייד,
און אין בלוט פון טרויבן זיין בגד;
12 גערויטיקט די אויגן פון וויין,
און ווייס די ציינער פון מילך.

זיך בענטשן ישראל, אַזוי צו זאָגן: גאָט זאָל דיך מאַכן אַזוי ווי אפרים און אַזוי ווי מנשה. און ער האָט געשטעלט אפרימען פאַר מנשהן.

21 און ישראל האָט געזאָגט צו יוספן: זע, איך שטאַרב; אָבער גאָט וועט זיין מיט אַייך, און ער וועט אַייך אומקערן צו דעם לאַנד פון אַייערע עלטערן. 22 און איך האָב דיר געגעבן איין חלק איבער דיינע ברידער, וואָס איך האָב אַוועקגענומען פון דער האַנט פון דעם אֶמוֹרי מיט מיין שווערד און מיט מיין בויגן.

מט 1 און יעקב האָט גערופן זיינע זין, און האָט געזאָגט: זאַמלט אַייך איין, און איך וועל אַייך זאָגן וואָס אַייך וועט געשען אין סוף פון די טעג.

2 קלייבט אַייך אויף און הערט, קינדער פון יעקב,
און האָרכט צו אַייער פאָטער ישראל:

3 ראובן, מיין בכור ביסטו,
מיין כוח און מיין ערשטע קראַפט,
די פער פון גרויסקייט, און די פער פון מאַכט.
4 ביסט אַיילִיק ווי וואַסער—זאָלסטו די פער ניט זיין;
ווייל דו ביסט אויף דיין פאָטערס געלעגער אַרויף;
דענסמאָל האָסטו עס פאַרשוועכט—
מיין בעט אַוואו ער איז אַרויף.

5 שמעון און לֵוִי זיינען ברידער,
וואַפן פון רויב זיינען זייערע לייב־קרובים.
6 אין זייער באַראָט זאָל ניט קומען מיין זעל,
צו זייער געזעמל זאָל מיין כבוד ניט צושטיין;
וואָרום אין זייער כעס הרגען זיי אַ מענטשן,
און אין זייער גוטמוט פאַרקריפּלען זיי אַן אָקס.
7 פאַרשאָלטן זייער כעס, ווייל ער איז שטאַרק,
און זייער צאָרן, ווייל ער איז האַרט!
איך וועל זיי צעטיילן אין יעקב,
און זיי צעשפּרייטן אין ישראל.

13 זבולון וועט וווינען ביים באָרטן פון ימען,
און ער וועט זיין אַ באָרטן פאַר שיפן,
און זיין לענד איבער צידון.

14 יִשָּׂשכָר איז אַ ביינִיקער אייזל,
ער הויערט צווישן די שאָפּגעהעפטן.
15 און ער האָט געזען די רו, אַז זי איז גוט,
און דאָס לאַנד, אַז עס איז ליב,
האָט ער געבויגן זיין רוקן צו טראָגן,
און איז אַ צינזקנעכט געוואָרן.

16 דָן וועט זיך אָננעמען[ב] פאַר זיין פאָלק,
ווי איינער פון די שבטים פון ישראל.
17 דָן וועט זיין אַ שלאַנג אויפן וועג,
אַ האָרנשלאַנג אויפן שטעג,
וואָס בייסט די טריט פון דעם פערד,
און זיין רייטער פאַלט אַהינטער.

18 אויף דיין הילף, גאָט, טו איך האָפן.

[א] וואָרטשפּיל: יְהוּדָה–יוֹדוּךָ. [ב] וואָרטשפּיל: דָן יָדִין.

19 גָד–אים וועט אַ מחנה באַפאַלן[א],
אָבער ער וועט אָנפאַלן אויף זייער טריט.

20 ביי אָשרן וועט פעט זיין זיין ברויט,
און ער וועט אַרויסגעבן מַלכות־געריכטן.

21 נפתּלי איז אַ הינדין אַ פלינקע;
ער גיט אַרויס שיינע רייד.
22 אַ פרוכטיק ביימל איז יוסף,
אַ פרוכטיק ביימל ביי אַ קוואַל;
די צווייגן שפרייזן איבער דער מויער.

23 און אים געביטערט, און געשאָסן,
און אים געפיינט האָבן די פיילמענער;
24 אָבער פעסט איז זיין בויגן געבליבן,
און פלינק געווען זיינען די אָרעמס פון זיינע הענט,
דורך די הענט פון דעם מאַכטיקן פון יעקב,
פון דאָרט–פון דעם פּאַסטוך, דעם פעלז פון ישׂראל;
25 פון דעם גאָט פון דיין פאָטער וואָס העלפט דיר,
און פון שַדַי וואָס בענטשט דיך,
מיט ברכות פון הימל פון אויבן,
ברכות פון תְּהוֹם וואָס הויערט אונטן,
ברכות פון ברוסטן און טראַכט.
26 די ברכות פון דיין פאָטער שטייגן אַריבער
די ברכות פון מיינע עלטערן–
ביז דעם שפּיץ פון די אייביקע בערג.
זיי זאָלן זיין אויף דעם קאָפּ פון יוספן,
און אויפן שיידל דעם פירשט פון זיינע ברידער.

27 בנימין איז אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט;
אין דער פרי עסט ער פאַנג,
און אין אָוונט טיילט ער רויב.

כ יְגוּדֶנּוּ וְהוּא יָגֻד עָקֵב׃ ס מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא
כא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי־מֶלֶךְ׃ ס נַפְתָּלִי אַיָּלָה שְׁלֻחָה הַנֹּתֵן אִמְרֵי־
כב שָׁפֶר׃ ס בֵּן פֹּרָת יוֹסֵף בֵּן פֹּרָת עֲלֵי־עָיִן בָּנוֹת צָעֲדָה
כג כד עֲלֵי־שׁוּר׃ וַיְמָרֲרֻהוּ וָרֹבּוּ וַיִּשְׂטְמֻהוּ בַּעֲלֵי חִצִּים׃ וַתֵּשֶׁב
בְּאֵיתָן קַשְׁתּוֹ וַיָּפֹזּוּ זְרֹעֵי יָדָיו מִידֵי אֲבִיר יַעֲקֹב מִשָּׁם
כה רֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל׃ מֵאֵל אָבִיךָ וְיַעְזְרֶךָּ וְאֵת שַׁדַּי וִיבָרְכֶךָּ
בִּרְכֹת שָׁמַיִם מֵעָל בִּרְכֹת תְּהוֹם רֹבֶצֶת תָּחַת בִּרְכֹת
כו שָׁדַיִם וָרָחַם׃ בִּרְכֹת אָבִיךָ גָּבְרוּ עַל־בִּרְכֹת הוֹרַי עַד־
תַּאֲוַת גִּבְעֹת עוֹלָם תִּהְיֶיןָ לְרֹאשׁ יוֹסֵף וּלְקָדְקֹד נְזִיר אֶחָיו׃ פ
ששי בִּנְיָמִין זְאֵב יִטְרָף בַּבֹּקֶר יֹאכַל עַד וְלָעֶרֶב יְחַלֵּק שָׁלָל׃
כח כָּל־אֵלֶּה שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁנֵים עָשָׂר וְזֹאת אֲשֶׁר־דִּבֶּר
לָהֶם אֲבִיהֶם וַיְבָרֶךְ אוֹתָם אִישׁ אֲשֶׁר כְּבִרְכָתוֹ בֵּרַךְ
כט אֹתָם׃ וַיְצַו אוֹתָם וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֲנִי נֶאֱסָף אֶל־עַמִּי קִבְרוּ
אֹתִי אֶל־אֲבֹתָי אֶל־הַמְּעָרָה אֲשֶׁר בִּשְׂדֵה עֶפְרוֹן הַחִתִּי׃
ל בַּמְּעָרָה אֲשֶׁר בִּשְׂדֵה הַמַּכְפֵּלָה אֲשֶׁר־עַל־פְּנֵי מַמְרֵא
בְּאֶרֶץ כְּנָעַן אֲשֶׁר קָנָה אַבְרָהָם אֶת־הַשָּׂדֶה מֵאֵת עֶפְרֹן
לא הַחִתִּי לַאֲחֻזַּת־קָבֶר׃ שָׁמָּה קָבְרוּ אֶת־אַבְרָהָם וְאֵת שָׂרָה
אִשְׁתּוֹ שָׁמָּה קָבְרוּ אֶת־יִצְחָק וְאֵת רִבְקָה אִשְׁתּוֹ וְשָׁמָּה
לב קָבַרְתִּי אֶת־לֵאָה׃ מִקְנֵה הַשָּׂדֶה וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר־בּוֹ מֵאֵת
לג בְּנֵי־חֵת׃ וַיְכַל יַעֲקֹב לְצַוֺּת אֶת־בָּנָיו וַיֶּאֱסֹף רַגְלָיו אֶל־
הַמִּטָּה וַיִּגְוַע וַיֵּאָסֶף אֶל־עַמָּיו׃

נ

א
ב וַיִּפֹּל יוֹסֵף עַל־פְּנֵי אָבִיו וַיֵּבְךְּ עָלָיו וַיִּשַּׁק־לוֹ׃ וַיְצַו יוֹסֵף
אֶת־עֲבָדָיו אֶת־הָרֹפְאִים לַחֲנֹט אֶת־אָבִיו וַיַּחַנְטוּ הָרֹפְאִים
ג אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּמְלְאוּ־לוֹ אַרְבָּעִים יוֹם כִּי כֵּן יִמְלְאוּ יְמֵי
ד הַחֲנֻטִים וַיִּבְכּוּ אֹתוֹ מִצְרַיִם שִׁבְעִים יוֹם׃ וַיַּעַבְרוּ יְמֵי
בְכִיתוֹ וַיְדַבֵּר יוֹסֵף אֶל־בֵּית פַּרְעֹה לֵאמֹר אִם־נָא מָצָאתִי

מט,כה' קמץ בז"ק כו' קמץ בז"ק

28 די אַלע זיינען די צוועלף שבטים פון ישׂראל, און דאָס איז וואָס זייער פאָטער האָט צו זיי גערעדט און זיי געבענטשט; איטלעכן ווי לויט זיין ברכה האָט ער זיי געבענטשט. 29 און ער האָט זיי באַפוילן, און זיי אָנגעזאָגט: איך ווער איינגעזאַמלט צו מיין פאָלק; באַגראָבט מיך לעבן מיינע עלטערן, אין דער הייל וואָס אין דעם פעלד פון עֶפרוֹן דעם חִתּי. 30 אין דער הייל וואָס אין דעם פעלד פון מַכפֵּלָה, וואָס פאַר מַמרֵא אין לאַנד כּנַעַן, וואָס אַברהם האָט אָפּגעקויפט מיטן פעלד פון עֶפרוֹן דעם חִתּי פאַר אַ קבר־אייגנטום– 31 דאָרטן האָט מען באַגראָבן אַברהמען און זיין ווייב שׂרהן, דאָרטן האָט מען באַגראָבן יצחקן און זיין ווייב רבקהן, און דאָרטן האָב איך באַגראָבן לאהן– 32 דער איינקויף פון דעם פעלד מיט דער הייל וואָס דרינען, פון די קינדער פון חֵת.

33 און ווי יעקב האָט געענדיקט זיין צַוָאָה צו זיינע זין, אַזוי האָט ער אַריינגענומען זיינע פיס אין בעט, און איז פאַרגאַנגען, און איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק.

נ 1 און יוסף איז געפאַלן אויף זיין פאָטערס פנים, און ער האָט געוויינט איבער אים, און האָט אים געקושט. 2 און יוסף האָט באַפוילן זיינע קנעכט די רופאים אײַנצובאַלזאַמירן זיין פאָטער; און די רופאים האָבן איינגעבאַלזאַמירט ישׂראלן. 3 און עס זיינען דערפילט געוואָרן איבער אים פערציק טעג, וואָרום אַזוי פיל טעג מוזן דערפילט ווערן ביים אײַנבאַלזאַמירן. און די מִצרים האָבן אים באַוויינט זיבעציק טעג.

4 און אַז די טעג פון זיין באַוויינונג זיינען אַריבער, האָט יוסף גערעדט צו פַּרעהס הויז, אַזוי צו זאָגן: אויב, איך בעט

א וואָטשפּיל: גָּד גְּדוּד יְגוּדֶנּוּ.

חן בעיניכם דברו־נא באזני פרעה לאמר: אבי השביעני ה
לאמר הנה אנכי מת בקברי אשר כריתי לי בארץ כנען
שמה תקברני ועתה אעלה־נא ואקברה את־אבי ואשובה:
ויאמר פרעה עלה וקבר את־אביך כאשר השביעך: ו
ויעל יוסף לקבר את־אביו ויעלו אתו כל־עבדי פרעה ז
זקני ביתו וכל זקני ארץ־מצרים: וכל בית יוסף ואחיו ח
ובית אביו רק טפם וצאנם ובקרם עזבו בארץ גשן:
ויעל עמו גם־רכב גם־פרשים ויהי המחנה כבד מאד: ט
ויבאו עד־גרן האטד אשר בעבר הירדן ויספדו־שם י
מספד גדול וכבד מאד ויעש לאביו אבל שבעת ימים:
וירא יושב הארץ הכנעני את־האבל בגרן האטד ויאמרו יא
אבל־כבד זה למצרים על־כן קרא שמה אבל מצרים
אשר בעבר הירדן: ויעשו בניו לו כן כאשר צום: יב
וישאו אתו בניו ארצה כנען ויקברו אתו במערת שדה יג
המכפלה אשר קנה אברהם את־השדה לאחזת־קבר
מאת עפרן החתי על־פני ממרא: וישב יוסף מצרימה יד
הוא ואחיו וכל־העלים אתו לקבר את־אביו אחרי קברו
את־אביו: ויראו אחי־יוסף כי־מת אביהם ויאמרו לו טו
ישטמנו יוסף והשב ישיב לנו את כל־הרעה אשר גמלנו
אתו: ויצוו אל־יוסף לאמר אביך צוה לפני מותו לאמר: טז
כה־תאמרו ליוסף אנא שא נא פשע אחיך וחטאתם יז
כי־רעה גמלוך ועתה שא נא לפשע עבדי אלהי אביך
ויבך יוסף בדברם אליו: וילכו גם־אחיו ויפלו לפניו יח
ויאמרו הננו לך לעבדים: ויאמר אלהם יוסף אל־ יט
תיראו כי התחת אלהים אני: ואתם חשבתם עלי רעה כ
אלהים חשבה לטבה למען עשה כיום הזה להחית
עם־רב: ועתה אל־תיראו אנכי אכלכל אתכם ואת־ כא

יז' ב טעמים

דיך, איך האב געפונען לייטזעליקייט אין אייערע אויגן, רעדט, איך בעט אייך, אין די אויערן פון פרעהן, אזוי צו זאגן: [5] מיין פאטער האט מיך באשווארן, אזוי צו זאגן: זע, איך שטארב; אין מיין קבר וואס איך האב מיר געגראבן אין לאנד כנען, דארטן זאלסטו מיך באגראבן. און אצונד, לאמיך ארויפגיין, איך בעט דיך, און באגראבן מיין פאטער, און זיך אומקערן.

[6] האט פרעה געזאגט: גיי ארויף, און באגראב דיין פאטער, אזוי ווי ער האט דיך באשווארן. [7] איז יוסף ארויפגעגאנגען צו באגראבן זיין פאטער, און מיט אים זיינען ארויפגעגאנגען אלע קנעכט פון פרעהן, די עלטסטע פון זיין הויז, און אלע עלטסטע פון לאנד מצרים. [8] און דאס גאנצע הויזגעזינט פון יוספן, און זיינע ברידער, און זיין פאטערס הויזגעזינט; בלויז זייערע קליינע קינדער, און זייערע שאף און זייערע רינדער, האבן זיי איבערגעלאזן אין לאנד גושן. [9] אויך רייטער און רייטוועגן זיינען ארויפגעגאנגען מיט אים, און די מחנה איז געווען זייער גרויס.

[10] און זיי זיינען געקומען ביז דעם שייער פון אטד וואס אויף יענער זייט ירדן, און האבן דארטן געקלאגט זייער א גרויסע און שווערע קלאג; און ער האט געמאכט א טרויער אויף זיין פאטער זיבן טעג. [11] און דער באוווינער פון לאנד, דער כנעני, האט געזען דעם טרויער ביי דעם שייער פון אטד, און זיי האבן געזאגט: א שווערער טרויער איז דאס ביי מצרים. דרום האט מען גערופן דעם נאמען דערפון אבל־מצרים, וואס אויף יענער זייט ירדן.

[12] און זיינע זין האבן געטאן צו אים אזוי ווי ער האט זיי באפוילן. [13] און זיינע זין האבן אים אוועקגעטראגן קיין לאנד כנען, און האבן אים באגראבן אין דער הייל פון דעם פעלד פון מכפלה, וואס אברהם האט אפגעקויפט מיטן פעלד, פאר א קבר־אייגנטום, פון עפרון דעם חתי, פאר ממרא.

[14] און יוסף האט זיך אומגעקערט קיין מצרים, נאכדעם ווי ער האט באגראבן זיין פאטער, ער און זיינע ברידער, און אלע וואס זיינען ארויפגעגאנגען מיט אים צו באגראבן זיין פאטער.

[15] און ווי יוספס ברידער האבן געזען אז זייער פאטער איז טויט, אזוי האבן זיי געזאגט: אפשר וועט אונדז יוסף טראגן א שנאה, און אומקערן וועט ער אונדז אומקערן אלדאס שלעכטס וואס מיר האבן אים געטאן. [16] און זיי האבן געהייסן זאגן יוספן: דיין פאטער האט באפוילן פאר זיין טויט, אזוי צו זאגן: [17] „אזוי זאלט איר זאגן צו יוספן: פארגיב, איך בעט דיך, דעם פארברעך פון דיינע ברידער און זייער חטא, וואס זיי האבן דיר שלעכטס געטאן". און אצונד, פארגיב, איך בעט דיך, דעם פארברעך פון די קנעכט פון דיין פאטערס גאט. און יוסף האט געוויינט אז מע האט צו אים גערעדט.

[18] און זיינע ברידער זיינען אויך געגאנגען און זיינען אנידערגעפאלן פאר אים, און האבן געזאגט: זע, מיר זיינען דיינע קנעכט. [19] האט יוסף צו זיי געזאגט: איר זאלט ניט מורא האבן; בין איך דען אויף דעם ארט פון גאט? [20] ווארום איר האט געמיינט א רעה פאר מיר, אבער גאט האט עס געמיינט פאר א טובה, כדי צו מאכן אזוי ווי היינטיקן טאג, צו דערהאלטן ביים לעבן א סך פאלק. [21] און אצונד, זאלט איר ניט מורא האבן; איך וועל אויסהאלטן אייך און

אײַערע געזינטן. און ער האָט זיי געטרייסט, און זיי גערעדט צום האַרצן.

[22] און יוסף איז געבליבן אין מצרים, ער און זיין פאָטערס הויזגעזינט; און יוסף האָט געלעבט הונדערט און צען יאָר. [23] און יוסף האָט געזען פון אפרימען אור־אייניקלעך; אויך די קינדער פון מָכיר, מנשהס זון, זיינען געבאָרן געוואָרן אויף יוספס קני.

[24] און יוסף האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: איך שטאַרב; אָבער דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אײַך, און ער וועט אײַך אויפברענגען פון דעם היגן לאַנד צו דעם לאַנד וואָס ער האָט צוגעשוואָרן אַברהמען, יצחקן, און יעקבן. [25] און יוסף האָט באַשוואָרן די זין פון ישראלן, אַזוי צו זאָגן: דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אײַך; זאָלט איר אויפברענגען מיינע ביינער פון דאַנען.

[26] און יוסף איז געשטאָרבן צו הונדערט און צען יאָר. און מע האָט אים אײַנגעבאַלזאַמירט, און ער איז אַרײַנגעטאָן געוואָרן אין אַן אָרון אין מצרים.

כב טַפְּכֶם וַיְנַחֵם אוֹתָם וַיְדַבֵּר עַל־לִבָּם׃ וַיֵּשֶׁב יוֹסֵף בְּמִצְרַיִם
מפ׳ הוּא וּבֵית אָבִיו וַיְחִי יוֹסֵף מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים׃ וַיַּרְא
יוֹסֵף לְאֶפְרַיִם בְּנֵי שִׁלֵּשִׁים גַּם בְּנֵי מָכִיר בֶּן־מְנַשֶּׁה יֻלְּדוּ
כד עַל־בִּרְכֵּי יוֹסֵף׃ וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אֶחָיו אָנֹכִי מֵת וֵאלֹהִים
פָּקֹד יִפְקֹד אֶתְכֶם וְהֶעֱלָה אֶתְכֶם מִן־הָאָרֶץ הַזֹּאת אֶל־
כה הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב׃ וַיַּשְׁבַּע
יוֹסֵף אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹהִים אֶתְכֶם
כו וְהַעֲלִתֶם אֶת־עַצְמֹתַי מִזֶּה׃ וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן־מֵאָה וָעֶשֶׂר
שָׁנִים וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם׃

כג׳ ס׳ ובתי

# חזק

סכום פסוקי דספר בראשית אלף וחמש מאות ושלשים וארבעה. א״ך ל״ד סימן: וחציו ועל חרבך תחיה: ופרשיותיו י״ב. זה שמי לעלם סימן: וסדריו מ״ג. גם ברוך יהיה סימן: ופרקיו נ׳. יי׳ חננו לך קוינו סימן: מניין הפתוחות שלשה וארבעים והסתומות שמנה וארבעים. הכל תשעים ואחת פרשיות. צא אתה וכל העם אשר ברגליך סימן: